# עונג שבת

# פרשת וירא תשס"ח

**גוט שבת אלע אידן.** אין די יאר תשט"ו איז געקומען א זעכצען יעריגער בחור אליעזר ("לעזער") מארילוס (זיין עכטע נאמען) קיין ארץ ישראל, ווייל ער האט געוואלט לערנען אין די פאנעוויז'ער ישיבה אין שטאט בני ברק. ווען ער איז געקומען צו די ישיבה כדי זיך צו אינטערעסירן וועגן לערנען דארט, האבן זיי געמאכט פאר אים א פארהער, אזוי ווי די געוועהנטליכע שטייגער איז אין אלע ישיבות. נאך די פארהער האט דער מנהל געזאגט פאר לעזער אז ליידער, קענען זיי אים נישט ארייננלאזן אין די ישיבה ווייל די ישיבה איז געווען שוין פיל פאר יענע זמן.

לעזער האט פארשטאנען אז זיי האבן אים נישט געוואלט ארייננלאזן נישט ווייל זיי האבן נישט געהאט גענוג פלאץ, נאר, די סיבה איז געווען ווייל לעזער האט נישט געקענט אזוי גוט לערנען ווי די אנדערע בחורים. די אנדערע בחורים וואס האבן געלערנט אלע יארן אין ארץ ישראל'דיגע ישיבות האבן זיך בעסער אנגעגרייט צו לערנען אין די חשוב'ע פאנעוויז'ער ישיבה, בעסער ווי לעזער וואס איז געקומען פון א ישיבה אין שווייץ. וועגן דעם האבן זיי געמיינט אז לעזער איז אפשר נישט גרייט צו לערנען אין די ישיבה.

פארשטייט זיך אז לעזער איז געווען אנטוישט. נישט נאר דאס אז ער איז געפארן דעם גאנצן וועג פון שווייץ צו קומען קיין בני ברק, אבער, עס האט מער געצארט לעזער ווייל ער האט שטארק געוואלט לערנען אין יענע ישיבה.

לעזער האט נישט געוויזן זיין ענטוישקייט פאר דעם מנהל. נאר, ער האט געבעטן מיט גרויס דרך ארץ צו רעדן מיט די פאנעוויז'ע רבי'צן. דער מנהל האט נישט פארשטאנען לעזער'ס בקשה, אבער ער האט מסכים געווען צו ברענגען לעזער צו די רבי'צן. ווען לעזער און דער מנהל זענען אנגעקומען צו די דירה וואו די פאנעוויז'ער רב און זיין רבי'צן האבן געוואוינט, האט לעזער ארויסגענעמען א בריוו פון זיין טאש, און ער האט עס געוויזן פאר די רבי'צן.

די רבי'צן האט געליינט די בריוו מיט גרויס אינטערעס. נאכדעם וואס די רבי'צן האט געענדיגט די בריוו, האט זי געזאגט פאר דעם מנהל און פאר לעזער, אז זיי זאלן גיין מיט איר צו איר מאן, דער ראש ישיבה, הרה"ג רב יוסף קאהאנעמאן זצ"ל (וואס איז נפטר געווארן בערך 35 יאר צוריק.)

דער ראש ישיבה האט מקבל פנים געווען לעזער מיט א גרויסען שמייכל און א ווארעמקייט. די רבי'צן האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה די סיבה פארוואס לעזער איז געקומען קיין א"י. נאכדעם האט זי געגעבן די בריוו פאר דעם ראש ישיבה. ווען דער ראש ישיבה האט געענדיגט ליינען דעם קורצן בריוו איז ער שנעל געגאנגען צו לעזער און ער האט אים געהאלזט און געקושט. נאכדעם האט ער געזאגט "דו וועסט אנגענומען ווערן צו די ישיבה!" דער מנהל איז געווארן איבערראשט. וואס איז געשטאנען אין די בריוו?

פון דעמאלט און ווייטער ביז זיין הסתלקות בערך 15 יאר שפעטער, האט דער ראש ישיבה דערציילט כסדר די אינטערעסאנטע מעשה וועגן לעזער'ס בריוו. די מעשה איז געשען אזוי: אין בערך תש"ה, באלד נאך די מלחמה, האט דער ראש ישיבה און זיין רבי'צן זיך געפינען אין שווייץ, ווייל דער ראש ישיבה האט געדארפט האבן א אפעראציע אין שווייץ, ל"ע. ב"ה, אז די אפעראציע האט מצליח געווען. דער ראש ישיבה און די רבי'צן האבן געזוכט א האטעל וואו דער ראש ישיבה וועט קענען זיך אפרוהען פאר זיי וועלן אהיימפארן קיין ארץ ישראל. זיי האבן געטראפן א פאסיגען האטעל וואס איז ספעציעל געשטעלט געווארן פאר דעם פרומען עולם. עס איז געווען אבער איין פראבלעם, דער ראש ישיבה האט געדארפט א צימער אויפן ערד–שטאק. ווייל ער האט נישט געקענט שטייגען קיין שטיגען. אלע צימערן אויפ'ן ערד–שטאק פון יענעם האטעל זענען געווען פארנומען. דער בעל הבית פון דעם האטעל האט זיך גענומען ארומגיין פרעגן מענטשן וואס האבן געהאט א צימער אויף דעם ערד–שטאק, אויב זיי וועלן מסכים זיין צו טוישן צימערן מיט דעם ראש ישיבה.

עס איז "אויסגעקומען" אז לעזער, וואס איז דעמאלט געווען זעקס יאר אלט, און זיין מאמע זענען דעמאלט איינגעשטאנען אין יענעם האטעל. דער בעל הבית איז געגאנגען פרעגן זיי וועגן טוישן שטובער מיט דעם פאנעוויז'ער רב. לעזער'ס מאמע האט גלייך מסכים געווען. אבער, כדי צו מכבד זיין דעם יונג קינד לעזער, האט זי אים געפרעגט אויב ער איז אויך מסכים געווען אוועקצוגעבן דעם צימער פאר'ן רב. לעזער האט אויך מסכים געווען און באלד דערנאך זענען זיי געגאנגען צו אן אנדערען צימער לאזענדיק דער ראש ישיבה און זיין רבי'צן ארייננקומען אין דעם ערד–שטאק צימער.

די רבי'צן האט געוואלט רעדן מיט די מענטשן וואס האבן אוועקגעגעבן זייער שטוב פאר דעם ראש ישיבה. די רבי'צן האט געזאגט "יישר כחך" פאר לעזער'ס מאמע, אבער לעזער'ס מאמע האט געטענ'עט אז עס באקומט לעזער די "יישר כחך," ווייל ער האט אוועקגעגעבן זיין בעט פאר דעם ראש ישיבה. די רבי'צן איז צוגעגאנגען צו דעם קליין קינד לעזער, און זי האט אים געזאגט אז זי וויל אים קויפן א "טוי" ווייל זי און דער ראש ישיבה האט אים שטארק מכיר טוב געווען ווייל ער האט אוועקגעגעבן זיין בעט. לעזער האט נישט געוואלט קיין טוי. נאר, דער זעקס יעריגער יונגעל האט געזאגט פאר די רבי'צן: "פונקט אזוי ווי איך האב יעצט אוועקגעגעבן מיין בעט פאר דעם פאנעוויז'ער רב, בעט איך אז טאמער איך וויל קומען צו פאנעוויז (אין בני ברק), וועט דער ראש ישיבה מיר געבן א בעט אין די ישיבה!" די רבי'צן האט ארויסגענומען א צעטל און זי האט אראפגעשריבן א צעטל אז לעזער זאל האבן א פלאץ אין די ישיבה. נאכדעם האט די רבי'צן און דער ראש ישיבה גע'חתמ'עט אויף דעם צעטל.

לעזער'ס מאמע האט אוועקגעלעגט די צעטל ביז בערך 10 יאר שפעטער ווען לעזער האט געוואלט לערנען אין די פאנעוויז'ער ישיבה אין בני ברק. צום סוף, האט לעזער געלערנט 10 יאר אין פאנעוויז, וואו ער איז געווארן אן עכטער בן תורה!

מיר זען פון דער מעשה די כח פון די מצוה פון הכנסת אורחים. לעזער האט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים דורך דעם וואס ער האט אוועקגעגעבן זיין בעט פאר דעם ראש ישיבה. דורך דעם האט ער זוכה געווען יארן שפעטער צו קענען לערנען אין די פאנעוויז'ער ישיבה, א פלאץ וואו על פי דרך הטבע וואלט ער נישט געקענט לערנען.

מיר ליינען וועגן דער מצוה פון הכנסת אורחים און די וואכעדיגע סדרה. ווען אברהם אבינו ע"ה האט געזען דריי מענטשן קומען, איז ער געלאפן צו זיי כדי צו מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. בשעת די אורחים זענען געקומען האט אברהם אבינו ע"ה געהאלטן אין מיט'ן מקבל זיין די הייליגע שכינה, ווייל דער אייבערשטער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם אבינו נאך זיין ברית. ווען אברהם אבינו האט געזען די אורחים, האט ער געבעטן פון דעם אייבערשטען אז דער אייבערשטער זאלווארטן כדי ער זאל קענען ארייננברענגען די געסט. פון דא זאגט די גמרא אז הכנסת אורחים איז גרעסער ווי מקבל זיין די הייליגע שכינה. (שבת קכז.)

דער של"ה הקדוש איז מסביר אז הכנסת אורחים איז די מצות עשה פון "והלכת בדרכיו", (דברים כח,ט) אז, "כי הקב"ה מכניס אורחים בכל זמן ועידן בכל שעה ובכל עת ובכל רגע, כי אם לא היה מכניס אורחים ברגע כמימרא (מיד) היה העולם אבד... וזהו הענין שפירסם הכתוב באורך מעלת הכנסת אורחים שהיתה באברהם וכו'" (ספר בראשית - פרשת וירא נר מצוה) מיר זענען אלע געסט אין דעם אייבערשטער'ס וועלט. טאמער דער אייבערשטער וועט חס ושלום נישט מכניס אורח זיין אלע מענטשן אין זיין וועלט, וואלט אלע באשעפענישען נישט געהאט קיין קיום.

אמאל האבן די בני בית פונעם חפץ חיים זצ"ל געזען ווי דער חפץ חיים מאכט א בעט אין דעם גאסט שטוב, ווייל א גאסט האט געדארפט קומען. די בני בית האבן געבעטן פונם חפץ חיים אז ער זאל זיי לאזן צוגרייטן דעם בעט ווייל זיי האבן געהאלטן אז עס פאסט נישט לויט זיין כבוד. דער חפץ חיים האט אליינס געוואלט צוגרייטן דעם בעט, זאגענדיק "ווען עס קומט צו דער מצוה פון תפילין וואלט איך עס איר אויך לאזן טון פאר מיך כדי איך זאל נישט דארפן מטריח זיין?" (פון "ואהבת לרעיך כמוך", ר' זעליג פליסקין שליט"א, עמ' סט)

לאמיר געדענקען דער מעשה פון לעזער און דעם פאנעוויצער רב זצ"ל, און דער דוגמה פון אברהם אבינו ע"ה. דאן קענען מיר נתעורר ווערן צו מקיים זיין דעם ריזיגען מצוה פון הכנסה אורחים ווי עס דארף צו זיין. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו זושא נ"י בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בשעטומ"צ**

מזל טוב למוה"ר ר' יעקב יוסף טויב שליט"א לרגל שמחת הנחת התפלין של בנו מענדל נ"י

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 362–3234 (845)**

**דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)**